# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל | בני ברק

בס"ד

# אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# דֶער צַדִּיק אִין לֵייבְּן גְּרוּבּ

# דֶער צַדִיק אִין לֵייבְּן גְרוּבּ

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רַבִּי חַיִים בֶּן עֲטַר, דֶער וָואס הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן דִי סְפָרִים אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ, אִיז גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְדִינֶען פוּן דֶעם קֵיין גֶעלְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֶערְנְט אַ פַאךְ צוּ זַיין אַ שְׁמִידֶער, וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע צִירִינְגֶען, קֵייטְלֶעךְ, אוֹיעֶר-רִינְגְלֶעךְ, אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט גָאלְד-וַוארְג.

אַ הַאלְבֶּע טָאג הָאט דֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ גֶעאַרְבֶּעט בַּיי אֵיינֶעם אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעמַאכְט צִירִינְגֶען, אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט אוֹיף צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרֶה, אוּן וֶוען דִי גֶעלְט הָאט זִיךְ אִיהְם גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט אוּן גֶעמַאכְט צִירִינְגֶען.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער קֶענִיג פוּן דִי פְּלַאץ וואוּ דֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעוואוֹינְט חֲתוּנֶה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פַאר דִי פַאבְּרִיק אַוואוּ מְ'מַאכְט דִי צִירִינְגֶען, אַז מְ'זָאל

אָנגְרֵייטְן אוֹיף די חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער אַסַאך שֵׁיינֶע צִירִינגֶען, אוּן מְ'הָאט טַאקֶע שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ מַאכְן צִירִינגֶען לְכָבוֹד די חֲתוּנָה פוּן די קֶענִיג'ס טָאכְטֶער.

וֶוען סְ'אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען די צַייט סְ'זָאל זַיין פֶערְטִיג די אַלֶע צִירִינְגֶען אוּן סְ'אִיז נִישְׁט פֶערְטִיג גֶעוָוארְן, הָאט דֶער קֶענִיג זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף די מֶענְטְשְׁן פוּן די פַאבְּרִיק אוּן הָאט זֵיי גֶעוָואלְט בַּאשְׁטְרָאפְן, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ אִיז שׁוּלְדִיג אַז סְ'אִיז נִישְׁט פֶערְטִיג גֶעוָוארְן די צִירִינְגֶען, וַוייל עֶר קוּמְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג צוּ די אַרְבֶּעט, הָאט דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן אַז מְ'זָאל אִיהְם אַרֵיין וַוארְפְן אִין די לֵייבְּן גְרוּבּ וָואס אִיז גֶעוֶוען בֵּיים קֶענִיג'ס חָצֵר.

די פָּאלִיצַיי אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען נֶעמֶען דֶעם צַדִיק אוּן אִיהְם אַרֵיין וַוארְפְן אִין לֵייבְּן גְרוּבּ, הָאט זֵיי דֶער אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל מִיט נֶעמֶען זַיין טַלִית אוּן תְּפִילִין אוּן אַ סִידוּר מִיט אַ תְּהִלִים, די פָּאלִיצַיי הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִיהְם, אוּן זֵיי הָאבְּן אִיהְם גֶעזָאגְט, סְ'אִיז אַשָאד צוּ מִיטְנֶעמֶען, דוּ וֶועסְט גָארְנִישְׁט קֶענֶען דָארְט זָאגְן אוּן דַאוֶוענֶען וַוייל די לֵייבְּן וֶועלְן דִיךְ גְלֵייךְ

פַארְצִיקְן, אָבֶּער וֶוען דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ הָאט זֵיי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אַז עֶר וִויל עֶס מִיטְנֶעמֶען הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מְ'הָאט אִיהְם אַזוֹי מִיט דִי אַלֶע זַאכְן אַרַיין גֶעוָוארְפְן אוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע לֵייבְּן גְרוּבּ.

אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעדַאוְונְט פַאר דִי אֵייבִּישְׁטֶער אַז עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ, אוּן סְ'אִיז גֶעשֶׁעהְן אַ נֶס וֶוען מְ'הָאט אַרַיין גֶעוָוארְפְן דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ אִין לֵייבְּן גְרוּבּ הָאבְּן דִי לֵייבְּן אִיהְם גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרָאפּ גֶעזֶעצְט נֶעבְּן אִיהְם אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהְם מִיט גְרוֹיס רֶעסְפֶּעקְט, אַזוֹי אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר טֶעג אוּן דִי לֵייבְּן הָאבְּן אִיהְם נִישְׁט אָנְגֶערִירְט, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזֶעהְן אַז דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אִיהְם אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי לֵייבְּן גְרוּבּ, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִיהְם מוֹחְל זֵיין, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֶס וָואס דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיטְן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָדוֹשׁ.

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל אָמֵן